Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען | היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 275/1570 | Łódź, Poniedziałek 26 listopada 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י"ג כסלו תרפ"ט | Nr. 275/1570

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# ענדערונג איז דער אינטערנאצ. באהן-קאנווענץ

וואַרשאַ, 25. (טעלעפאָניש). צוליב'ן איינפיהרען אין לעבען די נייע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנווענץ וועגען דעם אַריבערפיהרען פון פּאַסאַזשירען און באַגאַזש, איז אויך נויטיג געווען צוצופּאַסען די פּוילישע טאַריף־אָפּמאַכען מיט די שכנישע מלוכות.

דעריבער האָט דאָס קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום אַדורכגעפיהרט אַ רייהע רעדאַקציאָנעלע שינוים אין די אָפּמאַכען.

דערביי זענען גענומען געוואָרען אין בעטראַכט די פערגרעסערטע אָפּצאָהלען פון דעם פּוילישען פּאַסאַזשיר־טאַריף, און עס זענען אין איהם געמאַכט געוואָרען אויסבעסערונגען אין הסכם מיט די נייע בעדינגונגען פון אונזער ווירטשאַפטליכען לעבען.

## קענען דעם, וואס מען טענה'ט: שלום אויף פעלקער...

לאָנדאָן, 25. (ספּ. טעל.) לויט אַ פעראָרדנונג פון קריגס־מיניסטעריום דאַרפען אַלע אָפיצירען און זעלנער פון דער בריטישער אַרמעי, אונ־ אָפּהענגיג דערפון, צו וואָס פאַר אַ וואָפען זיי געהערען — אַדורכמאַכען די אַוויאַציע־קורסען, כדי צו זיין צוגעגרייט צו דער קומענדיגער מלחמה.

וואָס שייך דעם פלאָט־מיליטער, מוז עס נישט נאָר קענען אומבעדינגט שווימען סיי אויף איבערוואַסער־שיפען סיי אויף אונטער־וואַסער־ שיפען, און אַ חוץ קרעם — אויך פליהען אויף הידראָאַעראָפּלאַנען.

## אונגארישער אויסערן-מיניסטער קומט קיין ווארשא.

ווארשא, 25 (א. וו.) ווי מיר דערוויסען זיך, וועט דעם 30 ד. ח. קומען פון בודאפעשט קיין ווארשא דער אויסערן-מיניסטער פון אונגארן ה' וואלקא.

זיין קומען קיין ווארשא בעצוועקט צו שליסען א פריינדשאפטס-אפמאך צווישען פוילען און אונגארן.

## אומזיסטע העלדישקייט פון א שיפס-קאפיטאן.

וויען, 25, (א.וו.) מען איז דא מודיע פון אמסטערדאם, אז נאהענט פון העלדער טרינקט זיך א האלענדישע שיף צוליב די בעשעדיגונגען, וואס זי האט בעקומען בעת'ן לעצטען שטורעם-ווי ט אויפ'ן ים.

די רעטונגס-שיפען, וואס זענען גערופען געווארען צוהילף האבען בעוויזען צו ראטעווען בעצייטענס עטליכע פאסאזשירען, וואס האבען זיך געפונען אויף דער צושעדיגטער שיף; דער קאפיטאן אבער אליין האט, נישט קוקענדיג אויף די אויפפאדערונגען צו ראטעווען זיך, נישט געוואלט פערלאזען זיין שיף, ארויסגעבענדיג גלייכצייטיג אויך א בעפעהל, אז זיין מאנשאפט זאל פערבלייבען מיט איהם אויפ'ן ארט.

בלויז איין מאטראז האט זיך נישט געפאלגט דעם בעפעהל פון זיין קאפיטאן, און ער האט זיך אריינגעווארפען אין וואסער. איהם האט מען טאקי בעוויזען אפצוראטעווען.

מען האלט, אז די שיף וועט אונטערגעהן.

## בולגאריען און מאצעדאניען.

סאפיע, 25 (א.וו.) די געזאנדטע פון אויסלענדישע מלוכות האבען זיך געווענדעט צום אויסערן-מיניסטעריום מיט דער אנפראגע, צי די אקציע פון די מאצעדאנער דויערט ווייטער.

די בולגארישע רעגירונג האט דערויף געגעבען א תשובה, אז זי איז גענוג שטארק, כדי צו משפיע זיין אויפ'ן דערשטיקען די דאזיגע אקציע, ווען דאס זאל אבער נישט זיין גענוג, וועט זי זיך נעהמען צו רעפרעסיע-מיטלען.

——=:§:=——


## נוצט אויס די געלעגענהייט!

פון היינט, מאנטאג, דעם 26 נאוועמבער ביז דעם 5 דעצעמבער ד. י.

פערקויף איך 50% פון די קאסמעטישע ארטיקלען

צו שפאט ביליגע פרייזן

15 ביז 30 פראצענט אונטער'ן פרייז

בעמערקונג: יעדער קויפער בעקומט גראטיס א פלאקאן עכט קעלניש וואסער JOHAN MARJA FARINA און א טובקע צאהן-פאסטע CHLORODONT

**S.BUCHWAJC** PIOTRKOWSKA 22 TELEF.: 31-43 i 59-67. פערפומעריע



קליינהענדלער-פעראיין אויף דער שטאט לאדז, פיעטריקאווער 6

מיר מאכען בעקאנט אונזערע מיטגלידער, אז זונטאג, דעם 9-טען דעצעמבער 1928 וועט פארקומען די

## יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

צום ערשטען טערמין 5 א זייגער אוועגד און צום 2-טען טערמין 7 א זייגער אווענד ביי יעדע צאהל אנוועזענדע מיטגלידער מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) טעטיגקייטס-בעריכט, 3) קאסע-בעריכט. 4) וואהלען פון א פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע, 5) פרייע פארשלאגען. די פערוואלטונג.

בעמערקונג: זונטאג, דעם 2 דעצעמבער קומט פאר א פארוואהל-פערזאמלונג פון אלע מיטגלידער. אויך קומט פאר דעמזעלבען טאג 8 א זייגער אווענר א פערזאמלונג פון דער קאלאניאל-סעקציע. 2723



## צענטר. סוחרים-און פאבריקאנטען-פערבאנד
אויף דער לאדזער וואיעוואודזטווע, פעטריקאווער 10.

מארגען, דינסטאג, דעם 27. ד. ח. 7 אווענד קומט פאר אין פעראיינס לאקאל פעטריק. 10

## פייערליכע אויפנאהמע פאר דער א"י-דעלעגאציע

אין וועלכער ס'וועלען זיך בעטייליגען די ה"ה:

## ל. יפה, ש. זשוכאוויצקי און ד"ר וואלדמאן (בערלין)

אויף דער פערזאמלונג וועלען די מיטגלידער פון דער ארץ ישראל-דעלעגאציע אפגעבען א בעריכט וועגען ווירטשאפטליכען מצב אין ארץ ישראל און וועגען די האנדעלס-מעגליכקייטען צווישען פוילען און פאלעסטינא.

צוליב דער וויכטיגקייט פון דער פערזאמלונג, ווערען די מיטגלידער געבעטען צאהלרייך צו ערשיינען.

די פערוואלטונג פון צענטר. סוחרים-און פאבריקאנטען-פערבאנד אויף לאדזער וואיעוואודזטווע, פעטריקאווער 10. 2720



Koledze memu **SALKOWI BIRNBAUMOWI** z powodu zgonu Jego 2724

B. P. **MATKI**

wyrażam najszczersze współczucia.

Hela Szylisówna.



צו דער חתונה פון אונזערע פריינד

פרל. **גוטשא גארפינקעל**

מיט ה' **הערשל קעסלער**

ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען

רוזשא ראבינאוויטש און פינקוס וויינטרויב. 2728



גדא טבא!

בברכת מז"ט אנו מברכים את חברנו סגן יושב ראש של הישיבה „תורת אליעזר" בלודז

מר **אלי' פסח פטאשניק** נ"י

לנשיאו את גיסתו בת ר' שמואל מרדכי ווארשאווסקי נ"י (משידלאווצי)

יהי' שזוגם יעלה יפה ויזכה לבנות ביתם על הרי יהודה ברוח ישראל סבא.

ועד הישיבה „תורת אליעזר" בלודז.



**Dr. med. STUPEL**

.12 Szkolna 12.

ספעציאליסט פאר הויט-, האר און וועגערישע קראנקהייטען, מענער - שוואכע, ליכט און רעש, רענטגען-שטראהלען און קווארץ- ליכט, עלעקטרא-טעראפיע.

נעהמט אן פון 6 ביז 9 אין אווענד.



לעכער מאשינאווע ווערען אויסגענייט צו ביליגע פרייזען

ג. נארדמאן ציגעלנא 29

